# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים



## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### משה ואהרן האבן געדאווענט אויף די וואס האבן זיך געציילט

**"שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת כָּל זָכָר לְגֻלְגְּלֹתָם... תִּפְקְדוּ אֹתָם לְצִבְאֹתָם אַתָּה וְאַהֲרֹן** (א ב- ג)

וואונדערליכע ווערטער שרייבט דער **רמב"ן** אין אונזער פרשה (א מה) ווען ער קומט ערקלערן פארוואס די תורה האט באפוילן פאר משה און אהרן ציילן די אידן:

"ווייל דער וואס איז געקומען צו דעם אב הנביאים (משה רבינו) און זיין ברודער דער קדוש ה' (אהרן הכהן) און ער האט זיך באקאנט געמאכט פאר זיי מיט זיין נאמען, וועט ער דורך דעם האבן א זכות און לעבן... און אלע האבן געהאט א זכות אין די צאל וואס מ'האט זיי געציילט פאר משה און אהרן, ווייל זיי האבן געלייגט זייער אויג אויף זיי לטובה און זיי האבן געדאווענט אויף זיי: ה' אלקי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים און עס זאל נישט פארוויי'ניגערט ווערן ענקער צאל, און די שקלים זענען כופר אויף ענקער זעל".

פון די ווערטער פון דער רמב"ן האבן אסאך ארויסלערנט א מקור אויף דעם מנהג צו בעטן א ברכה פון די צדיקי הדור און דערמאנען זייערע נעמען אויף א ישועה.

אבער מ'קען פרעגן: אויב די וואס זענען געציילט געווארן זענען געקומען צו משה רבינו, פארוואס שרייבט דער רמב"ן: "והוא נודע עליהם בשמו", די חכמים זאגן דאך (ברכות לד א ע"פ מג"א קיט א) אז דער וואס דאווענט אויף א קראנקן אקעגן אים דארף נישט דערמאנען זיין נאמען?

זאגט **רבי חיים שאול קויפמאן** ראש ישיבת גייטסהעד:

אויך ווען דער מתפלל דארף נישט דערמאנען מיט זיין מויל דעם נאמען פון דעם קראנקן וואס שטייט פאר אים, דארף ער כאטש וויסן זיין נאמען. דעריבער אויך דא, ווען די אידן זענען אריבער אקעגן משה און אהרן, האבן זיי געזאגט זייערע נעמען כדי דורך דעם זאל אויף זיי רוען די ברכה.

* * *

דער רמב"ן ברענגט דארט א באווייז צו זיין שיטה אז דאס ציילן איז געווען כדי משה און אהרן זאלן לייגן זייערע אויגן אויף זיי לטובה און זאלן דאווענען אויף זיי, פון דער מדרש רבה (וואס מיר האבן עס נישט היינטיגע צייטן): "הקדוש ברוך הוא האט אים באפוילן ער זאל אלעמען ציילן בכבוד'יג; זאלסט נישט זאגן פארן הויפט פון די פאמיליע: 'וויפיל איז דא אין דיין פאמיליע? וויפיל קינדער האסטו?', נאר אלע זאלן אריבער גיין פאר דיר מיט ציטער און כבוד ווען דו ציילסט זיי...". ד.מ.

משה וואלט געקענט איינשפארן צייט פון ציילן דורכ'ן פרעגן פון יעדן הויפט די צאל פון זיין פאמיליע, אבער ווייל דער ציל פון ציילן איז געווען כדי "זיי זאלן לייגן זייער אויג אויף זיי לטובה און דאווענען אויף זיי", דעריבער איז ער באפוילן געווארן פון השי"ת אז יעדער איד זאל אריבער גיין פאר אים.

דער משגיח **רבי אליהו אליעזר דעסלער** לייגט צו און לערנט ארויס פון דעם, אז א תפילה פון א צדיק און זיין ברכה העלפן נאר ווען דער וואס באקומט די ברכה איז זיך אינגאנצן מתבטל צו אים מיט א גענצליכע ביטול, אזוי ווי דער לשון המדרש איז: כולן יהיו עוברין לפניך באימה ובכבוד".

דער טעם פון דעם ערקלערט הרב דעסלער: די סיבה פארוואס די תפילה פון א צדיק אויף א צווייטן ווערט מער אנגענומען פון אנדערע תפילות, דאס איז ווייל דער צדיק איז זיך אינגאנצן מבטל און ווערט איינס מיט א צווייטן, אזוי ווייט, אז עס זעט אויס אז ער דאווענט אויף זיך. ווייל די פאראייניגונג דארף קומען פון צוויי זייטן, דעריבער דארף אויך דער וואס בעט די ישועה זיך מבטל זיין פארן צדיק, נאר אזוי וועט ווערן א ריכטיגע אחדות וואס דורך דעם וועט די תפילה אנגענומען ווערן.

'שיחות ומאמרים' עמ' ע; 'משחת שמן' תולדות

### מיט די ראשי אלפי ישראל

**"אֵלֶּה קְרוּאֵי הָעֵדָה נְשִׂיאֵי מַטּוֹת אֲבוֹתָם רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל הֵם"** (א טז)

די דורשי רשומות האבן געזאגט:

'נְשִׂיאֵי מַטּוֹת אֲבוֹתָם' - איז ראשי תיבות 'אמן'. א רמז אויף דעם וואס די חכמים זאגן (שבת קיט ב) דער וואס ענטפערט אמן עפנט מען אים די טויערן פון גן עדן און איז זוכה זיין מיט די צדיקים - 'רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל'.

'כרם ד"ל'

### נישט פארלירן איין אמן

**"וְאַתָּה הַפְקֵד אֶת הַלְוִיִּם...; וְהַלְוִיִּם יַחֲנוּ סָבִיב לְמִשְׁכַּן הָעֵדֻת וְלֹא יִהְיֶה קֶצֶף עַל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל"** (א נ-נג)

**רבי יעקב אבוחצירא** בעל 'אביר יעקב' האט געזאגט:

'הלוים' איז א לשון חיבור, אזוי ווי עס שטייט (בראשית כט לד): "הפעם ילוה אישי אלי... על כן קרא שמו לוי". אזוי אויך, 'הלוים' איז גימטריה 'אמן'. א רמז אז די ווארט 'אמן' באהעפט די שמות הוי"ה און אדנ"י - וואס צוזאמען זענען זיי גימטריה 'אמן'. דער אייבערשטער האט באפוילן פאר משה: "הפקד את הלוים" - ווארן אן די אידן זאלן נישט פארלירן איין 'אמן' מיט כוונה, און דורך דעם זענען זיי פארזיכערט: "וְלֹא יִהְיֶה קֶצֶף עַל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" - עס וועט בטל פון זיי דער חרון אף און צארן און די שלעכטע גזר דין וועט צוריסן ווערן, אזוי ווי חכמים זאגן (תיקו"ז מ א): 'העונה אמן בכל כוחו קורעין לו גזר דין של שבעים שנה'.

'פתוחי חותם'

### איש על מחנהו און מיט זיין נוסח

**"וְחָנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ לְצִבְאֹתָם"** (א נב)

דער **אר"י הקדוש** פלעגט זאגן, אזוי ווי אין מדבר האבן די אידן גערוהט אין פיר מחנות - "אִישׁ עַל מַחֲנֵהוּ וְאִישׁ עַל דִּגְלוֹ", אזוי אויך ביזן היינטיגן טאג זענען די אידן צוטיילט אויף פיר גרופע'ס - שפאניע, אשכנז, קאטלוניא און איטאליע. לויט דעם, די אונטערשייד צווישן די מנהגים אין כלל ישראל איז נישט קיין קלייניקייט, און דעריבער דארף יעדער זיך באהעפטן אין זיין 'דגל' און אין זיינע מנהגים, ווייל: "אלו ואלו דברי אלוקים חיים".

אין דעם ענין איז באקאנט די קלוגע ווארט פון **רבי מאיר שפירא פון לובלין**:

ביים אנהויב דאווענען זענען דא פארשידענע מנהגים: עס זענען דא וואס זאגן פריער 'ברוך שאמר' בעפאר 'הודו', און עס זענען דא וואס זאגן 'הודו' פאר 'ברוך שאמר', אבער ביי: 'יהי כבוד ה' לעולם...' האלטן אלע צוזאמען.

'של"ה' דרך חיים תוכחת מוסר אות לה; 'טעם ודעת' להלן ב ב

### יעקב האט געדאווענט אויף די ישועה פון זיין זון

**"אִישׁ עַל דִּגְלוֹ בְאֹתֹת לְבֵית אֲבֹתָם יַחֲנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִנֶּגֶד סָבִיב לְאֹהֶל מוֹעֵד יַחֲנוּ"** (במדבר ב ב)

די באדייט פון דער פסוק: "באותות לבית אבותם" טייטש דער **'בעל הטורים'** אז יעקב האט שוין פון פריער מרמז געווען פאר זיינע קינדער ווען ער זיי געבענטש בעפאר זיין פטירה ווער וועט זיין דער הויפט. ווייל יעדער שבט וואס יעקב האט גערעדט צו אים מיט א לשון נוכח איז געווארן א הויפט פון א 'דגל': פאר ראובן האט ער געזאגט (בראשית מט ג): "ראובן בכורי אתה"; פאר יהודה (שם ח): "יהודה אתה יודוך אחיך"; פאר דן (שם יח): "לישועתך קויתי ה'"; פאר יוסף (שם כה): "מאל אביך ויעזרך".

דער **'שפתי צדיק'** פון פילץ האט זיך געוואונדערט: ווען יעקב האט געזאגט: "לישועתך קויתי ה'", האט ער דאך גערעדט צו הקדוש ברוך הוא און נישט צו דן, אזוי ווי מיר זאגן ביי שמונה עשרה "כי לישועתך קוינו כל היום"?

זאגט ער: לויטן 'בעל הטורים' דארף מען טייטשן אז יעקב האט יא געצילט זיינע ווערטער צו דן מיט א לשון נוכח: "לישועתך" - אויף דיין הילף, "קויתי ה'" - דאוון איך צו ה' ער זאל דיר העלפן.

'שפתי צדיק' אות יב



**רַחֲמָנָא אַדְכַּר לָן קְיָמֵהּ דְּדָוִד מְשִׁיחָא**

**אין בעפארברייטונג צום יו"ט שבועות די יומא דהילולא פון דוד מלך ישראל, ווען מיר זיך שטערקער מחזק זיין אין די תקנה וואס ער האט אייגעפירט אויף אייביג אלץ א רעטענונג פון א מגפה אין יעדע דור:**

דער טור שרייבט (או"ח מו, זעה אויך אין מ"ר יח כא): "דוד המלך עליו השלום האט מתקן געווען זאגן מאה ברכות, אזוי ווי עס שטייט (שמואל -ב כג א): 'נְאֻם דָּוִד בֶּן יִשַׁי וּנְאֻם הַגֶּבֶר הֻקַם עָל', 'על' איז גימטריה מאה, ווייל יעדן טאג זענען געשטארבן הונדערט אידישע נפשות, און מ'האט נישט געוואוסט צוליב וואס, ביז ער האט אויסגעפארשט אין זיין רוח הקודש, און האט מתקן געווען מ'זאל זאגן מאה ברכות".

**כדי אנקומען צו די צאל פון הונדערט ברכות וואס דוד המלך האט מתקן געווען, האבן די סנהדרין אין יענעם דור מתקן געווען צו זאגן יעדן אינדערפריה די ברכות השחר, און דורך דעם האבן מיר צוואנציג באשטימטע ברכות, וואס מיר זאגן יעדן טאג אין לויף פון א גאנץ יאר, אויסער די אנדערע ברכות (טור שם; פרישה שם טז).**

בני אמונים - אכטונג געבן אויף די צאל וואס די חכמים האבן באשטימט: צ' אמנים; ד' קדושות; י' קדישים; ק' ברכות

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## מודה אני

### דער מקור פון די תפילה 'מודה אני'

יעדן אינדערפריה, באלד מיטן עפענען די אויגן זאגן מיר א קורצע תפילה וואס איז א דאנק און א וואונדערליכער לויב פארן באשעפער וואס האט אונז יעצט צוריק געגעבן די נשמה ווען זי איז ריין, נאך וואס מיר האבן עס אים איבערגעגעבן נעכטן נאכט אזוי ווי יעדע נאכט.

די באזונדערע תפילה ווערט נישט דערמאנט אין חז"ל צי אין ספרים פון די ראשונים, נאר צום ערשט ווערט דאס דערמאנט אין ספר **'סדר היום'** (סדר השכמת הבוקר) פון **רבי משה בן מכיר** וואס איז געווען פון די צפת'ער מקובלים פאר פיר הונדערט יאר, און עס איז גע'פסק'נט געווארן להלכה אין **'מגן אברהם'** (ד כח) און אין **'משנה ברורה'** (א ח).

למעשה, שוין אין גמרא (ברכות ס ב) - וואס ווערט אזוי אראפ געברענגט אין **רמב"ם** (תפילה ז ג) - טרעפן מיר א ספעציעלע תפילה עס צוזאגן באלד ביים עפענען די אויגן, ווען דער מענטש איז נאך אין בעט, דאס איז די תפילה פון 'אלוקי נשמה'. נאר די מפרשים אויפן רמב"ם זאגן שוין אז די גמרא איז נאר געווען שייך אין די צייטן פון חז"ל וואס די מענטשן האבן דעמאלטס אכטונג געגעבן אויף די ריינקייט פון די הענט, אבער אין אונזערע צייטן - קען נישט דער מענטש דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען בעפאר ער וואשט זיך די הענט. וועגן דעם האט דער בעל "סדר היום" מתקן געווען זאגן די תפילה 'מודה אני' וואס אין דעם ווערט נישט דערמאנט קיין 'שם ומלכות'.

### די סיבה פון זאגן 'מודה אני' פונקט ביים אנהייב טאג

לכאורה דארף מען פארשטיין: פארוואס איז אזוי וויכטיג מיר זאלן זאגן די תפילה באלד אין די ערשטע מינוט ווען מיר וועקן זיך אויף פון שלאף, פארוואס קען מען נישט צו ווארטן ביז נאכן אפוואשן די הענט?

א וואונדערליכער ערקלערונג ווערט געברענגט אין ספר **'נפש שמשון'** (על סידור התפילה עמ' ט): אין לויף פון טאג קען דער מענטש דורכפאלן אין עבירות, זיין דאווענען איז אמאל נישט ווי עס דארף צו זיין, צי עס קומט ארויס פון זיין מויל א ווארט וואס מ'טאר נישט, אדער ער איז נישט מדקדק ווי עס דארף צו זיין אין א געוויסע הלכה.

אויב זענען די דורכפעלער א אומדירעקטע טעות - קען מען אים מוחל זיין, ווייל מיר זענען נישט קיין מלאכים, און דער יצר הרע פרובירט א גאנצע צייט אונז איינרעדן מיר זאלן נאכגיין זיינע רייד. אבער אויב די סיבה פון די דורכפעלער קומט פון ווייניג שאצן און וויסן אז דער אויבישטער איז דער האר פון אלע באשעפענישן, און אלע אונזערע נשמות זענען אין זיינע הענט, און צוליב דעם דארפן מיר זיין משועבד צו אים, וואס דאס איז דער וויכטיגסטער זאך וואס א מענטש דארף וויסן, - איז דא אויף דעם מענטש א גרויסע באשולדיגונג!

דעריבער, דאס ערשטע זאך וואס מיר דארפן טוהן ווען מיר שטייען אויף צופריה, איז ארויס זאגן קלאר מיט א פולע מויל אז מיר לויבן און טון איינערקענען אז דער אויבישטער האט אונז געגעבן דעם מעגליכקייט און די כח צו לעבן אויף דער וועלט, און נאר נאכדעם קענען מיר אנהויבן די ארבעט פונעם היינטיגן טאג.

### הודאת בעל דין

די תפילה 'מודה אני' הייבט אן מיט די לשון 'הודאה', ערקלערט דער 'פחד יצחק' (חנוכה מאמר ב פ"ב) אין לשון הקודש האט די ווארט 'הודאה' צוויי טייטשן: דאס ערשטע איז א 'הודאה על העבר' - ד.מ. מכיר טובה זיין פאר דער וואס האט מיר גוט'ס געטוהן, און דאס צווייטע איז פון די לשון 'הודאת בעל דין' ד.מ. אננעמען און צושטימען צו א צווייטנ'ס מיינונג.

ווען עס האנדלט זיך לגבי א זאך וואס איז 'בין אדם לחברו', דער נאטור פון א מענטש גלוסט שטענדיג נישט דארפן צוקומען צו א צווייטן, און ווען ער איז געצווינגען צוקומען צו א צווייטן, און ער דאנקט אים אויף דעם, איז דא אין דעם אויך א 'הודאת בעל דין' אז דאס מאל איז אים נישט געלונגען אויספירן זיין ווואונטש און ער האט געמוזט צוקומען צו א צווייטנ'ס הילף.

על אחת כמה וכמה, אין זאכן וואס זענען פארבינדן אין 'בין אדם למקום' האט די ווארט 'מודה' די צוויי סארטן טייטשן, און ווען ער לויבט דעם אויבערשטן אויף זיין לעבן וואס איז איבערגעגעבן געווארן אין זיין האנט, איז עס בעצם א 'הודאה' אז ער טוהט איינערקענען אז אין אמת'ן קען ער אליין גארנישט, און מיט דעם רייסט ער אויס פון זיך די געפיל פון 'כוחי ועוצם ידי' וואס איז איינגעווארצלט אין אים.

### רבה אמונתך

א וואונדערליכער זאך ווערט געברענגט אין ספר **הפרדס פון רש"י** (מהד' בודאפעסט עמ' שג): אונזער נשמה וואס איז א חלק אלוק ממעל איז א גאנצן טאג פארנומען מיט די מלחמה אקעגן דעם יצר הרע און האט נישט קיין מנוחה, וועגן דעם ווען עס קומט די צייט פון 'שלאפן' און זי איז ענדליך זוכה צו א רוהיגקייט אונטער הקב"ה'ס שאטן, ווייל זי נישט צוריק קומען צופריה צו איר קערפער. אבער דער אייבערשטער באפעלט איר: גיי צוריק צו דיין פלאץ! דער מענטש האט מיר געטון געטרויען און איבערגעגעבן זיין נשמה נעכטן נאכט מיט די כוונה אז אינדערפריה וועל איך אים עס צוריק געבן. איך וויל נישט צעשטערן די באגלייבקייט וואס ער האט אין מיר. אויף דעם איז געזאגט געווארן: 'רבה אמונתך' - אז דער אויבישטער איז באגלייבט צוריק געבן די נשמות וואס זענען ביינאכט געווען ביי אים.

**מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ, מֶלֶךְ** וואס איז **חַי וְקַיָּם** אויף אייביג, אויף דעם **שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי** - אין מיין קערפער, **נִשְׁמָתִי** וואס איך האב דיר נעכטן איבערגעגעבן, און דו האסט עס געטון **בְּחֶמְלָה** מיט רחמנות, **רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ** ווען דו געבסט צוריק אונזער נשמה.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## 'אשר יצר' - 'מתנת חיים'

אין ענדע חודש ניסן, אין די תקופה וואס מיר אלע האבן געלויבט אויף די 'בריות טובות' וואס דער אייבערשטער האט איינגעפלאנצט אין אונזער וועלט, איז נסתלק געווארן, פון די קאראנע ווירוס, הרה"ג רבי אברהם ישעיהו העבער זצ"ל, וואס אויף זיין באזונדערע פערזענליכקייט און זיינע איבערגעגעבענע אקטיוויטעטן צו ראטעווען לעבן וואלט מען זיכער געקענט זאגן די אויבנדערמאנטע ברכה.

הרב העבער איז פאר אלעמען באקאנט געווען אלץ דער גרינדער פון די וואונדעליכע ארגאניזאציע 'מתנת חיים' וואס דורך דעם האט ער געגעבן דעם זכות פאר אסאך מענטשן צו שענקען לעבן פאר העכער אכט אונדערט אידן וואס זענען אויסגעלייזט געווארן פון די שרקליכע יסורים פון דיאליזע און האבן צוריק אנגעהויבן פירן א נארמאלן געזונטן לעבן, צווישן זייער פאמיליע.

מיט א אויסטערלישע ענוה און איידלקייט, האט הרב העבער אריינגעברענגט אין דעם ציבור זאלן וויסן די מעלה פון די גרויסע מצוה וואס ביז דעמאלטס איז עס געווען זעלטן און אפילו אפגעפרעגט אין אויגן פון אסאך מענטשן; שענקען א 'מתנת חיים' - א טייל פון דיין קערפער, פאר א מענטש וואס וועט דורך דיין געבן זיך צוריק קערן צו א לעבן נאך לאנגע יארן פון פיין. אין זיין זכות, אקעגן אלע אויסזיכטן און טראץ די פול שוועריקייטן וואס זענען פארבינדן אין דעם, האלט אין איין שטייגן די צאל פון די וואס געבן אוועק פון זיך א 'ניר' אין ארץ הקודש ביזן היינטיגן טאג. ווען אלע פעלקער אויף דער וועלט זענען דערשטוינט זעהנדיג די ערשיינונג און רופן אויס: "מי כעמך ישראל!".

אין די קורצע תקופה פון זיין קראנקייט וואס האט צוגעברענגט צו זיין פטירה, לויט די געבעט פון זיין רעביצין שתבלח"א, און אזוי ווי ער אליינ'ס האט אסאך מאל מעורר געווען, האבן זיך אסאך מחזק געווען מיטן זאגן די ברכה 'אשר יצר' מיט כוונה עס זאל זיין לזכותו. און נישט אומזינסט, עס איז דאך באקאנט פון די פריערדיגע, אלץ א גרויסע סגולה אויף רפואה דער וואס זאגט עס מיט כוונה און געלאסן אינעווייניג.

אין לויף פון זיין לעבן האט הרב העבער אסאך מעורר געווען אויף די טייערקייט פון די ברכה. אלץ איינער וואס האט געפילט אויף זיין קערפער די יסורים פון די וואס דארפן צוקומען צו דיאליזע, האט ער געזען אין דעם א דאפלטע חשיבות, איבערהויפט אין ליכט פון דעם פאקט אז די זענען כמעט נישט זוכה צו זאגן די ברכה.

אין זיינע רייד וואס ער האט געהאלטן האט ער ערקלערט: הקדוש ברוך הוא האט געשאנקען א מענטש מיט א פאר 'נירן' וואס האבן אין זיך העכער הונדערט און פופציג וויכטיגע אויפגאבעס, צוויי פון זיי זענען גאר וויכטיג: דורך זיי ווערט די בלוט אויסגערייניגט פון מערקערי א.ד.ג. (רעלים), און טיילט אפ אלע איבריגע פליסינג'ס וואס האבן זיך אנגעקלעפט אין לויף פון די פארדייאונג.

ווען עס פאסירט חלילה א דורכפאל אין די ארבעט פון די נירן, קען מען באלד פילן די וואונדערליכע חכמה וואס מיט דעם האט דער אייבערשטער באשאפן דעם מענטש, אזוי ווי עס איז דער לשון פון די ברכה; אז די נירן פונקציאנירן נישט ווי עס דארף צו זיין, די שמוץ פון די בלוט גייט נישט ארויס פון דער קערפער, און דורך דעם ווערט דער קערפער אנגעבלאזן און פול מיט וואסער, ביז דער מענטש קען חלילה שטארבן.

כדי צו טוישן די ארבעט פון די נירן, מוז דער קראנקער זיצן דריי מאל א וואך, יעדע מאל ארום פיר שעה, נעבן א ריזיגע מאשין וואס שעפט ארויס די בלוט פון זיין קערפער, רייניגט עס און פירט צוריק די ריינע בלוט צו די קערפער.

כדי צו דערגרייכן די שטאפל ריינקייט נאנט צו די נירן, דארף די בלוט אריבער גיין אין די דיאליזע מאשין זיבעציג מאל אין א צי, וואס דאס שוואכט זייער אפ די קערפער, און אפילו דאס, קען נישט געהנצליך ערזעצן די קליינע נירן וואס דער אייבערשטער האט אונז געשאנקען.

די וואס ווערן באהאנדלט דורך דיאליזע מוזן אויפגעבן אסאך ערליי עסן, וואס די דיאליזע קען נישט רייניגן די מערקערי א.ד.ג. אנדערשט פון די נירן וואס רייניגט אלעס. דאס זעלבע, זיי זענען אויך זייער באגרעניצט וויפיל זיי מעגן טרינקען אין א טאג. צו דעם, אנדערשט פון די נירן וואס אינמיטן זייער ארבעט קען דער מענטש טון אלע זיינע באדערפענישן, די דיאליזע מאשין צווינגט אים ליגן נעבן דעם אן עפעס קענען טון.

"מבשרי אחזה אלוק" - פון די גוטע אפעראציע פון איין גליד זעהט מען די חסדים פון השי"ת וואס באגלייטן אונז שטענדיג, און אויסער דעם קען מען נישט עקזיסטירן א קורצע צייט אויך נישט.

ווי גרויס זענען די חסדים פון באשעפער מיט דעם וואס ער האט געשאנקען דעם מענטש א פאר נירן וואס יעדע איינס פון זיי געבט צוויי מאל דאפלט וויפיל עס פעלט אויס צום לעבן, אזוי קען ער שענקען איינס פון זיי פאר א צווייטן וואס נוטיגט זיך אין דעם, אן עס זאל צוברענגען א פאקטישע ריזיקע פאר אים. אזוי ווי הרב העבער האט זוכה געווען ערוועקן הונדערטער חשובע אידן וואס האבן זוכה געווען שענקען לעבן פאר אנדערע.

א וואונדעליכע עפיזאד, וואס לערנט אונז די ספעציעלע פערזענליכקייט פון די אלע וואס האבן פון זיך אוועק געגעבן א ניר, האט דערציילט הרב העבער, א טייערער איד, א געוואלדיגער תלמיד חכם וואס זיין טייערע זעל איז געווען ווייט אוועק פון אלע וועלטליכע זאכן, און פון זיין אייגענע ווילן האט ער זוכה געווען צו זיין איינער פון די הונדערטער וואונדערליכע מענטשן וואס האבן געשאנקען א ניר און געגעבן א נייע לעבן פאר אנדערע אין זכות פון 'מתנת חיים'.

אין דער אינדערפריה וואס די אפעראציע האט געדארפט פארקומען, האט דער תלמיד חכם גערופן אלע זיינע קינדער, צען קינדער בלי עין הרע, צו די שפיטאל זיי זאלן אים באגלייטן צו די זעלטענע מצוה וואס צו דעם האט ער זיך געגרייט א לאנגע צייט פון פריער בדחילו ורחימו.

עטליכע טעג פריער, האט דער תלמיד חכם געבעטן פון זיין פרוי זי זאל אים קויפן א געשאנק לכבוד די געפלאנטע געשעהניש - א טייערע האנט-זייגער. די בקשה איז געווען אין קעגנזאץ און פארקערט פון זיין נאטור, און זיין פרוי האט נישט פארשטאנען די באדייט פון די געבעט.

די מיסטעריע איז קלאר געווארן ווען זיינע צען קינדער האבן זיך צוזאם גענומען ארום די בעט ווען ער האט געדארפט געפירט ווערן די אפעראציע, שוין אנגעטון מיט די שפיטאל קליידער. צו אלעמענ'ס איבערראשונג האט דער מענטש ארויסגענומען די טייערע זייגער, עס אנגעטון אויף זיין האנט און באלד געזאגט די ברכה מיט כוונה און התרגשות: "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם, שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה". איין מינוט נאכדעם האט ער אויסגעטון די זייגער פון זיין האנט, ווייל צו די אפעראציע צימער קען מען עס נישט מיטנעמען...

עס האט זיך ארויסגעוויזן אז דער פאטער האט געבעטן א נייע זייגער כדי דורך דעם זאל ער קענען זאגן 'שהחיינו' אויף די זעלטענע מצוה וואס ער האט זוכה געווען מקיים זיין מיט זיין קערפער. עס איז איבעריג צו באצייכענען אז די גערירטע געשעהניש איז אויסגעקריצט געווארן מיט אותיות פון בלוט אין די הערצער פון זיינע קינדער וואס האבן אים ארום גערינגלט, זיי האבן זוכה געווען צו באקומען פון זייער פאטער די ריכטיגע חינוך אויף א אמת'דיגע געבן או ליב האבן א צווייטן מיט א שמחה של מצוה.

די השגחה העליונה האט אזוי באשלאסן און די גזירה איז נגזר געווארן, און רבי אברהם ישעיהו זצ"ל איז אוועקגעריסן געווארן אינמיטן בליעהן, ווען ער לאזט איבער בירושה פאר די גאנצע דור די געוואלדיגע מדה פון 'געבן' וואס אויף דעם האט ער געארבעט אין לויף פון זיינע לעצטע יארן. יהי זכרו ברוך.

פון די בני המשפחה

# מכתבי אמונים

בריוון פון אונזערע געטרייע ליינער

צו דער רעדאקטער פון די חשוב'ע גליון 'וכל מאמינים'

יעצט האבן מיר געלערנט אין גמרא לויט די סדר 'דף היומי' (שבת סב ב) אז רב חסדא האט געזאגט, אין זכות וואס ער האט מהדר געווען אין די מצוה פון נטילת ידים און זיך געוואשן די הענט מיט אסאך וואסער, האט מען אים פון הימל געגעבן פולע הויפנ'ס השפעות. אין ספר 'ערכי יהושע' (עמ' קכז) ברענגט ער א רמז אויף דעם: 'מים' איז ר"ת: "מלא ידינו מברכותיך". מ'קען צולייגן אז אין דעם איז אויך דא א רמז אויף נאך א הידור, דער וואס זאגט הויעך די ברכה "על נטילת ידים" כדי מ'זאל ענטפערן אמן, איז זוכה צו א עקסטערע ברכה, ווייל 'מים' וואס איז ר"ת "מלא ידינו מברכותיך", איז אויך בגימטריה 'אמן' (מיטן כולל).

בברכה, הרב א.צ.מ - בני ברק

shay עיצובים